# פרשת מקץ

## בס"ד. שיחת יום ג' פ' מקץ, כ"ח כסלו, ה'תש"נ

**– בבית הכנסת, אחרי תפלת מנחה והדלקת נר ה' דחנוכה –**

**בעת מעמד "חנוכה לייוו" – פרסומי ניסא העולמי**

**רשימה פרטית בלתי מוגה**

דעם אויסנאם-אפלערנונג פון היינטיקן יאר, וואס חנוכה האט זיך אנגעהויבן ביום השבת, און אויך ווי דערמאנט פריער איז אויך דער סיום שלו אויך ביום השבת -

איז נאך נוסף צו די אלגעמיינע אפלערנונג פון חנוכה, אויך א תורה והוראה מיוחדה וואס זי איז פארבונדן און לערנט-אפ ווי אזוי יעדער ענין פון א אידן דארף זיין דורכגענומען און דורכגעדרונגען מיט זאכן פון שבת'דיקייט.

וואס דאס קומט אין צוגאב צו אלגעמיינע הוראות פון חנוכה, וואס ווי גערעדט מערערע מאל איז די אלגעמיינע הוראות פון חנוכה איז, אז דאס איז ניט א זאך וואס דאס איז פארבונדן מיט א אידן פאר-זיך, נאר ס'דארף אויך זיין "פרסומי ניסא";

זיכער "פרסומי ניסא" פאר בני ביתו, פאר זיין משפחה, וואס דאס איז דאך בכל ימי חנוכה ובכל השנה;

אויך "פרסומי" אין יעדער מקום, אפילו "מבחוץ", און אפילו אין "רשות הרבים",

און אויך, אז (יעדער ענין פון חנוכה) בא יעדער חנוכה לערנט מען אויך אפ, אז א איד באגנוגנט זיך ניט דערמיט אין זיין צושטאנד אין לערנען תורה און קיום המצוות:

אפילו אז דעם טאג פילט ער, און אנדערע האבן אזוי אויך אים דערציילט און אפגע'פסק'נט, אז ער האט (געטאן) געלערנט תורה און מקיים-געווען מצוות בתכלית השלימות -

איז אז ס'קומט א טאג לאחרי זה, דארף ער זיך ניט באגנוגענען מיט זיין מעמד ומצב פאר דעם, נאר ער דארף אויך מוסיף-זיין, און מוסיף-זיין אין אן אופן אז אלע זאלן זען אז ער האט מוסיף-געווען, אזוי ווי מ'זעט אויך אין נרות חנוכה אז מידי יום ביומו זעט דער גאנצער ארום אז ער האט מוסיף-געווען נאך א ליכטל און נאך א ליכטל,

און אויך אין צוגאב אז אלע ליכטלעך - די פריערדיקע - האבן געשיינט, באגנוגנט ער זיך ניט מיטן אור פון די פריערדיקע ליכטלעך, (און באגנוגנט זיך) קען ער זיך באגנוגענען מיט צושטעלן נאך א ליכטל -

זאגט מען, אז (דאס איז) ניט דאס מיינט מען, מ'מיינט אז ער דארף צושטעלן נאך א ליכטל, און די ליכטל דארף ער אנצינדן, און דארף דערפון דוקא אנהויבן, ווי ס'איז דאך אויך דער סדר הדלקת הנרות, אז מ'הויבט-אן מאכן ליכטיק מיט דעם נר (מיט דער ליכטל) וואס איז צוגעקומען, און ערשט דערנאך חזר'ט מען איבער און מ'צינדט אויך אן די ליכטלעך וואס מ'האט אנגעצונדן אין די טעג און די נעכט לפני זה - און ערשט דערנאך צינדט מען זיי אן - לאחרי ווי מ'האט אנגעצונדן די הוספה,



© 2002 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת מקץ

איז נוסף צו די אלגעמיינע הוראות - קומט אויך צו די הוראה מיוחדה, אז א איד איז אנגעזאגט געווארן, בפרט אין דעם יאר, אז יעדער זאך, ובפרט נאך אלע ענינים פון תורה און מצוות,

אפילו אז ער האלט און טוט די מצוה, ווי מ׳האט אנגעצונדן די היינטיקע ליכטלעך איז דאך דאס ניט אין א שבת׳דיקן טאג און ניט אין ערב שבת און ניט אין מוצאי שבת, נאר דאס איז אין א יום החול פון כל השבוע כולה -

דארף דאס אבער אויך זיין דורכגענומען לויט דעם נתינת כח פון חנוכה פון היינטיקן יאר, אז וויבאלד אז דאס איז א "נר מצוה", וואס "נר מצוה" איז דאך פארבונדן מיט "תורה אורה", מיט גאנץ און מיט אלע עניני התורה - דארף דאס זיין דורכגעדרונגען מיט שבת׳דיקייט.

וואס וואס איז דער ענין פון שבת׳דיקייט? - שבת׳דיקייט איז אינגאנצן שולל אז ס׳איז אינגאנצן ניטא קיין ענינים פון חול:

א גאנצע וואך איז דאך א איד עוסק אויך אין ענינים של רשות, וואס זיי זיינען דאך מצד עצמם ענינים של חול, און ער דארף אין דערויף מקיים-זיין "בכל דרכיך דעהו", און פארדעם "כל מעשיך יהיו לשם שמים";

בשעת ס׳איז די קביעות פון היינטיקן יאר, לערנט-אפ חנוכה, אז דערפון דארף זיין די התחלה, און דער שבת דארף דערנאך דורכנעמען די אלע טעג לאחרי זה,

און אויך אין די עניני הרשות שלו קומט אויך צו, אז ער איז נאך מוסיף זמן: וויבאלד אז דאס איז די קביעות פון חנוכה איז דאך נרות חנוכה ווען מ׳צינדט זיי אין פארבינדונג מיט די שעות וואס קומען לאחרי זה, איז אויב די שעות וואס קומען לאחרי זה זיינען שבת -

איז אט דעמולט דארף ער מוסיף-זיין אין דעם שיעור פון הדלקת נרות חנוכה זאל צוקומען כמה רגעים, און די גאנצע הוספה מחול על הקודש פון ימי השבת -ווערט דאס אלץ אויפגעטאן אין אזא מעמד ומצב אז די נרות חנוכה לייכטן "על פתח ביתו מבחוץ" אין א תוספת זמן, וואס דאס איז די הוספה פון פרייטיק אויף שבת,

און אויך תוספת זמן וואס וויבאלד אז ער צינדט דאך אן די חנוכה-ליכט בבית הכנסת ברוב עם נאך באמצע היום, גלייך לאחרי חצות היום - במילא איז דאך דאס אויך משפיע, אז בשעת ער צינדט דערנאך די נרות חנוכה בביתו, בשעת דאס איז אויך פאר די הדלקת נרות שבת פון דער "עקרת הבית", פון דער פרוי זיינער, אדער פון דער עלטערער טאכטער וכיו״ב - ווערט דאס אויך דורכגענומען מיט שבת׳דיקייט,

אז אפילו ווען לכאורה איז דאס מעג ער נאך טאן עבודת חול, און ער טוט עבודת חול - איז דאס אינו בדומה כלל צו א יאר ווען ער האט ניט געהאט דעם נתינת כח פון ימי החנוכה, נאר דעמולט האט דאס אין זיך אויך אז דאס ווערט אין זיך א שבת׳דיקייט, און א שבת׳דיקייט פארבונדן מיט חנוכה.



© 2002 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת מקץ

וואס חנוכה בכלל, ובפרט נאך ימי חנוכה, איז דאך פארבונדן מיט דער מנורה וואס זי איז געווען בבית המקדש, און דורך מקיים-זיין די הדלקת נרות חנוכה -היילט מען צו די חנוכת בית המקדש השלישי, און די הדלקת הנרות במנורה, "מנורת זהב כולה", אין בית המקדש השלישי,

היילט דאס נאכמערער צו ביי אים דעם רגש און די הדגשה אז ער זאל וויסן זיין, אז יעדער ענין וואס ער טוט - האט ער אין דערויף אויך א פעולה, ווי דער פסק דין הרמב"ם אז "מביא ישועה והצלה" לו ולכל העולם כולו,



© 2002 Jewish Educational Media, Inc.